# יודען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem
NAJER FOLKSBLAT

פרייז 30 גראשען

היינט 20 זייטען

# נייעס פאלקסבלאט

| № 53 | Łódź, Piątek, 2 marca 1934 r. | צוועלפטער יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג, ט״ז אדר תרצ״ד | № 53 |
|---|---|---|---|---|

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

געגרינדעט אין יאהר 1919 מיט'ן אנטייל פון דער שווייצער לעבענס-פערזיכערונגס-געז.

„FENIKS" אין וויען

Towarzystwo Ubezpieczeń „Przyszłość" Sp. Akc.

oddział w Łodzi, ul. MONIUSZKI nr. 2

## זוכט

איז צוזאמענהאנג מיט'ן פערברייטערן די לעבענס-אפטיילונג, פעהיגע, סאלידע און מיט גרויס בעקאנטשאפט מיטארבייטער.

די געזעלשאפט רעאסעקורירט אין דער „שווייצארישער ריקפערזיכערונגס-געזעלשאפט" ציריך.

בעקאנטמאכונג.

דערמיט מאכען מיר בעקאנט, אז מיר פערקויפען

## מעהל כשר לחג הפסח

בעסטע קוואליטעט

די מיהל געפ'נט זיך אונטער דער השגחה פון היגען ראבינאט

Młyn Elektryczny „KORONA"
Sp. z ogr. odp.
Łódź, CIESZYŃSKA 10 tel. 240-66, 148-08

קויפט נישט פריהער קיין סחורה

ביז איהר וועט זיך נישט איבערציגן, אז די ביליגסטע קוועלע פון די נייעסטע

## הערען- און דאמען-שטאפען

פון די נייעסטע פארבען און מוסטערן צום איצטיגען פריהלינג און זומער-סעזאן פון די בעסטע ביליצער און טאמאשאווער אויסארבייטונגען

צו די ביליגסטע פאבריקס-פרייזען איז נור ביי דער גוט-בעקאנטער און רעעלער פירמע

M. i Sz. Rabinzon

ŁODŹ, PIOTRKOWSKA 45, tel. 120-41.

הורט און דעטייל! — רעעלע און סאלידע בעהאנדלונג! — הורט און דעטייל!

8 אגראדאווא 8

יודען לאזט אייך נישט נארען!

אזוי ווי איניגע יונגלעך פון געשעפטען רעקלאמירען זיך אין דער צייטונג, אז זיי זענען געווען די ווערק-פיהרער, געשעפטס-פיהרער פון דער פירמע חיים מענדראווסקי אגראדאווא 8 און דאס געשעפט איז געווארען ליקווידירט, ערקלער איך, אז עס איז א ליגען, עס איז זאגאר געווארען פערגרעסערט און פערגרעסערט.

איך בעזיץ א ריזען-לאגער פון

## יודישע לאנגע מלבושים

ווי אויך קורצע אנציגער פון די בעסטע שטאפען זיידענע יופיצעס, אלפאגענע רעק ווי אויך מארינארקעס, זומער- און ווינטער-פאלטענס, געהאקטע אנציגער, שלאפראק, פיזשאמעס—זומער און ווינטער ווי אויך בעזיץ איך א גרויסען אויסוואהל פון קינדער-זאכען ווי אויך א גאנצען אויסשטייער פאר 100 זל.

בעמערקונג 1) א ספעציעלער ראבאט פאר רביים, רבנים, הורט-סוחרים און שטיבעל-בחורים. 2) פאר קונדען פון פראווינץ ווערט פארגערעכענט פאר א האלבע הוצאה. 3) אנגענע ווערקשטעל אויף ארט און אויף'ן פערלאנג ווערט אויסגעפערטיגט אין פערלויף פון 24 שעה.

## מיכל שאלדאיעווסקי

8 אגראדאווא 8.

8 אגראדאווא 8

צענטר. עלטערן-קאמיטעט ביי די בראכאוו-שולן אין לאדז

ווארשאווער זאל, פאלודניאווע 36.

היינט, פרייטאג (פורים) אנהויב 10 אין אווענט קומט פאר

## אראוט

לטובת די בראכאוו-שולען.

גרויסער רעווי-פראגראם / גירלס-אנסאמבל / כאר-קווארטעט

גליקס-ראד / שיס-בודע און פיל אנדערע פריליכע סיורפריזען.

טענץ! דזשאז-ארקעסטער אונטער דער לייט. פון ש. בייגעלמאן.

בילעטען צום פרייז פון 1 זלאטע שוין צו בעקומען אין דער בראכאוו-ביבליאטעק, אל. קאשטשושקי 9.

ווענדונג צו דער לאדזער יודישער בעפעלקערונג!



דער פיש-הענדלער-פעראיין געוועלבעראון מעוק שפייער פאמארסקא 15

ווענדעט זיך צו דער לאדזער יודישער בעפעלקערונג, דאס זיי זאלען זיך בעזארגען מיט פיש פאר 7 אווענד צוליב די לעצטע פאליצייאישע פעראָרדנונגען, בכדי אויסצומיידען אונאנגענעהמליכקייטען, וועלכע דראהען גלייכצייטיג דעם קויפער און פערקויפער, ווייל עס דראהט א גרויסע שטראף פאר קויפען נאך 7 א זייגער אווענד. מיר בעטען דאס צו נעהמען אין אכט און נישט קומען נאך 7 א זייגער.

די פערוואלטונג
פון פיש-הענדלער-פעראיין
פאמארסקא 15.

נאך קורצע און שווערע ליידען איז געשטארבען, אין עלטער פון 67 יאהר, אונזער ליבער פאטער, שוויגערפאטער, גראספאטער און שוואגער

## שלמה בן ר' לייב ז״ל קאליש

די לויה קומט פאר היינט, פרייטאג, ט״ז אדר (2/3) 1,30 א זייגער פון מהרה-הויז וועגן וואס עס טיילן מיט אין גרויס צער
די טיפטרויערנדע פאמיליע

אונזער אויפריכטיגסטען ביילייד דריקען מיר אויס דער זעהר שווער בעטראפענער פאמיליע ליבערמאן צוליבן שווערען פערלוסט פון זייער ליבען און אומפערגעסליכען מאן און פאטער

## ר' הירש מרדכי ז״ל ליבערמאן

זייט געטרייסט אין אייער גרויסען צער, המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.

ר. קראוסקאפף און פאמיליע
לאדז, פעטריקאווער 41.

808

# יודען אין עסטרייך
# ווערען בּעגרעניצט אין די רעכט
## נייע קאנסטיטוציע אין צוויי וואכען ארום

רוים, 1 (יט"א טעלעגראפיש)

דער דרוק אויף דאלפוס'ן, נישט צו בּעגרענ־צען די יודישע רעכט מיט'ן פערעפענטליכען די נייע קאנסטיטוציע, האט נישט געהאט קיין ערפאלג.

פון בּערלין מעלדט מען מיט, אז די נייע קאנ־סטיטוציע וועט שוין פערעפענטליכט ווערען אין 2 וואכען ארום.

## 297 דער'הרג'עטע...
### דער בּלוטיגער שניט אין וויען

וויען, 1 (סס. טעל.)

די „רייכספאסט" גיט אן די דעפיניטיווע סטא־טיסטיק פון די קרבּנות פון דער וויבּער רעוואלוציע.

מצד דעם מיליטער, פאליציי און פרייוויליגע פארמאציעס זענען געפאלען 104 דער'הרג'עטע און 300 פערוואונדעטע.

מצד דעם „שוצבּונד" און דער ציווילער בּע־פעלקערונג זענען געפאלען 193 דער'הרג'עטע און 493 פערוואונדעטע.

וויען, 1 (סס. טעל.)

24 מיטגלידער פון ס. ד. הויפט־ראט וועלען געשטעלט ווערען פאר א געריכט, אלס בּעשולדיגטע אין מלוכה־פעראט.

## בּעדראהט דער פוילישער דאמפער „טשעשין"

העלסינגפארס, 1 (סס. טעל.)

א שטארקער שטורעם־ווינט האט בּעשעדיגט דעם פוילישען דאמפער „טשעשין". מען רעכענט, אז אין משך פון דער נאכט וועט זיך דער שטורעם־ווינט איינשטעלען. און דאן וועט אונטערגענומען ווערען די רעטונגס־אקציע.

דער רוב פון דער מאנשאפט און 48 פאסא־זשירען געפינען זיך אויפ'ן אייז־בּרעכער „יאקארהוי".

## דימיסיע פון שפּאנישען קאבּינעט

מאדריד, 1 (סס. טעל.)

דער רעגירונגס־קאבּינעט האט זיך אנגעגעבּען אין דימיסיע. די סיבּה דערפון איז, וואס פרעז. זאמאראַ האט זיך אפגעזאגט אונטערצושרייבּען די דע־מיסיע פון אינערן און פינאנץ־מיניסטער.


אנווייזונגען פון פוילען נאך פאלעסטינא און צוריק

ערלעדיגט אמבּיליגסטען און אמשנעלסטען

**Bank P. K. O.**

(Warszawa, Jasna 9 i
Tel-Aviv, Allenby Str. 88)

וועמענס טאריף ס'איז קאנקורענצלאז, וועמענס אי־בּערווייזונגען, וואס ווערען ערלעדיגט אין פוילען דורך דער פערמיטלונג פון P. K. O. דערגרייכען צו די אפּגעלעגענסטע ווינקלען אין לאנד, וועמענס בּעדי־נונג זארגט וועגען קליענט און איז די בּעסטע

**Oddział
Banku P. K. O.
w Tel-Avivie**

נעהמט אן פקדונות אויף
ביכלעך און אויף טערמינען
גיבּענדיג די בּעסטע פּראצענטער
און דעם מאקסימום זיכערקייט פון די פקדונות.


## „אקסיאן פראנסעז" וויל אזוי...
### לעאן בּלום זאל זיין אריינגעמישט אין דער סטאווסקי אפערע?

פּאריז, 1 (סס. טעל.)

„אקסיאן פראנסעז" גיט איבּער א סענסאציאנעלע ידיעה, אז אין 1933 זאל סטאווסקי האבּען דורך דער פערמיטלונג פון זיין יודישען ראטגעבּער געוואלט לאקירען אין איבּער פון די גרעסטע אויטא־פאבּריקען 25 מיליאן פראנק.

דער דאזיגער ראטגעבּער זאל געווען זיין לעאן בּלום.

## אין 20 יאהר ארום...
### דימיטראוו'ס אנ'ערקלערונג אין מאסקווע

מאסקווע, 1 (סס. טעל.)

דימיטראוו איז אויסגעוועהלט געווארען אלס עהרען־מיטגליד אין דער פעראייניגונג פון „אלטע באלשעוויקעס".

אין שייכות דערמיט האט ער געהאלטען א רעדע און א קאמפּלוסטיגען טאן.

צ. א. האט ער געזאגט:

„די פּראלעטארישע רעוואלוציע וועט זיגען אין גאנץ איראפּא אין פערלויף פון 20 יאהר. דאמאלס וועל איך פאהרען קיין דייטשלאנד, אלס גאסט פון דער דייטשער סאוועטישער מלוכה".


יודיש
קאמעראל-טעאטער
אלעע 1. מאי 2.

גאסטשפּילען פון אנסאמבּל
פון ווארשעווער „פּאוויליאן"-טעאטער
אנפיהרונג:
חיים סאנדלער

פרייטאג
שבּת
זונטאג
9 אוונט
דער
אורטייל
פון ס. לעווינ

אכטונג: ארבּייטער און ארבּ.-אינטעליגענץ
מארגען, שבּת 12 פארמיטאג און 4 נאכמיטאג, זונטאג, 12 פארמיטאג
3 גרויסע הנחה-פארשטעלונגען
פרייזען פון 50 גר. בּיז 1 זל. ערשטע רייה
בּילעטען צו בּעקומען אין טעאטער-קאסע פון 11 בּיז 2 און פון 5 נאכמיטאג.

מעבּעל
צום קומענדיגען סעזאן איז מיין לאגער פערזעהען מיט א גרויסען אויסוואהל פון
ווי: שלאפצימערן, עס-צימערן, גאבּינעטען, ווי אויך איינצעלנע געגענשטענדען
אלץ לויט די לעצטע מאדעלען.
בּעזוכט מיין לאגער און איהר וועט זיך איבּערצייגען!

מעבּעל

**I. NASIELSKI, 9 PIOTRKOWSKA 9**

ערשטער שטאק tel. 147-09. ערשטער שטאק

בּעמערקונג: איך בּעזיץ אויף לאגער א גרויסען אויסוואהל פון שטוהלען און טישען צו אויסנאהמס בּיליגע פּרייזען.
קיין פיליע בּעזיץ איך נישט!

Dr. med. **WIKTOR MILLER**
choroby wewnętrzne,
spec. CHOR. REUMATYCZNE
przeprowadził się
**AL. KOŚCIUSZKI 13**
przyjmuje 5—6. Leczn. Vita 12—1.
Tel. 146-11.

Dr. med. J. PIK
Al. Kościuszki 27 tel. 175-50
נערווען-קראנקהייטען.
ספּעציאליסט פון נערווען-קראנקהייטען
און סעקסועל-נערווען-ליידען.
עמפּפאנגס-שעה'ן פון 5—7 נאכמ.

עלעגאנטע דאמען און עלעגאנטע הערען
קויפען שיך נור בּיי
**A. Ogórek**
ŁODŹ, ZAWADZKA 11.

ארטאפּעדישע אנשטאלט
ר. קאוואלסקי,
11 ליסטאפּאר 26, טעל. 132-59



ווי אויך דער זוהן ז. קאוואלסקי, פּעטריקאווער 63 טעל. 243-93 — עלטסטער ארטאפּעדישער אנשטאלט גע־גרינדעט אין יאהר 1895 עמפּפעהלט פאר קראנקע אויף ברוכען, נארמעלע אויף זעמטליכע פערקרימונגען פון רוקען־ביין, אלערליי ארט פּראטעזען אויף פיס און הענד, אויף פערשידענע פערקרימונגען, נאך-אפּעראציאנס-בּויך-פּאסען אויף נעקעס, אויף פּראטעזען זיך פון מאגען ווי אויך אנלאגען אויף פּלאטפוס א. ז. וו.

דער אנשטאלט ווערט אנגעפיהרט אונטער דער פּערזענליכער ספּעציעלער לייטונג. צאהלרייכע דאנקזאגונגען פאר גוטע אויספיהרונג פון ערטאפּעדישע פערקרימונגען.


מיין חשובן פריינד **אסקאר בּערמאן** צוליבּן טויט פון זיין געשעצטען

# פאטער

מיין טיפסטען בּיילייד.

אלי בּארוכין.

אונזער חשובן פריינד **אסקאר בּערמאן** צום טויט פון זיין

# פאטער

דעם הארציגסטען מיטגעפיהל.

משה בּראדערזאן, י. אבּערזשאנעק.

## א ליבעס-ערקלערונג
### אויפן לאדזער שמייגער

ער: זאגען זי מיר, פאני גוטשע, איהבס מאמע האט מאקע אנשאייגען הויז ?
זי: אבער א הויז!
ער: זי האבען שוועסטערען ?
זי: ניין.
ער: ברידער ?
זי: ניין.
ער: א רייכען פעטער אין אמעריקא האבען זי אוודאי ?
זי: רייך ווי קורח.
ער: פאני גוטשע, איך בין אין איהן פערליבט איבער די אויערען!...

## א נעבען-בעשעפטיגונג

— זאגען זי, מיר, גילהענע, וואס איז איהבס מאן ?
— אנ'אידיאט!
— כ'האב דאך געהערט אז ער איז א דעפוטאט ?
— דאס צווייטע איז זיינע א נעבען-בעשעפטיגונג.

## פערענטפערט די קשיה

קינד: טאטעשי, אין קינא געהט א בילד „די חיה אין מענשען-געשטאלט", — וואס איז דאס אזוינס א חיה אין א מענשען-געשטאלט ?
פאטער: ווארט א מינוט, באלד וועט די מאמע שוין קומען באך געלד אויף א בייעם קאפעלוש און איך וועל איהר נישט געבען, וועט זי דיר די קשיא פערענטפערט ווערען.

## דער סוף פון ליבע

זי (צו איהר געליבטען): איך מוז דיר ענטדעקען א סוד, אז מיין טאטע האלט כאטש א באנקראט.
ער: איך האב עס פאראויסגעזעהן, אז דיין טאטע וועט צושטערען אונזער ליבע.

## זי ווייסט בעסער

מאן (צו דער פרוי); איך זאג דיר קיילע, אז קיין שום מאן א הונט מיר, וואלט מיט דיר נישט געקענט וואוינען.
ווייב: ביזט אנ'אידיאט! איך וועל דיר איבערצייגען, אז דו ווייסט נישט וואס דו רעדסט.

## די שרעק פארן טויט
### וואס טוט דער אלטער בחור ק.?

ער אלטער בחור ק. האט שטארק מורא ארויסצוגעהן די פעטריקאווער גאס. ער האט מורא מזאל איהם נישט איבערפאהרען.

אז ס'קומט איהם אויס ארורכצוגעהן דעם רוג פעטריקאווער און ציגעל-גאס טוט ער אן א שילדעל: „דעם טויטען קערפער בעט איך איבערצושיקען אין טהרה-הויז, מ'בעט אויך נישט צו קאנדאליירען".

## שפריכווערטער

אז עס קומט פורים, פערגעסט מען אז אלע יסורים.

חנוכה און פורים, ווערען די ארימע לייט עשירים.

א גאנץ יאהר שיכור, און פורים ניכטער.

נישט אלע פורים טרעפט זיך א נס.

פורים זענען אלע שיכורים ניכטער.

פורים נאך דער סעודה איז אפילו קיין הונט נישט הונגעריג.

פורים דאנקט מען נישט.

אז מען האט אויף פורים יסורים איז אויף פסח חושך.

א שלעכטער פורים איז א גוטער שושן-פורים.

ווען אלע טעג זאל זיין דער נס פון פורים, וואס וואלטען יודען געהאט צו זארגען מיט זייערע טעכטער.

## די אקושערקעס דראהט א געפאהר...
### געשפרעך צווישען מאן און ווייב

פרוי: דו ווייסט, מענדעלע, ס'איז זעהר גוט, וואס פוילען האט געמאכט שלום מיט דייטשלאנד, ווען ס'וואלט אויסגעבראכען א מלחמה, וואלטען דאך די מענער אוועק אין דער מלחמה. טא פון וואנען וואלטען מיר גענומען נייע מענשען ?

מאן: נישט אלע געהען דאך אין דער מלחמה, אזעלכע ווי איך, למשל, בלייבען דאך אין דערהיים.

זי: ווען ס'וואלטען געבליבען בלויז אזעלכע ווי דו, וואלטען די אקושערקעס אויסגעגאנגען פון הונגער...

## אנ'אינטערוויאו
### מיט'ן וואזשני




יוד: פאניע באטשעלניקו, ווי געהען עפעס דא די געשעפטען ? וואס מאכט דער ה' דירעקטאר ? ס'געשעפט פטוויקעלט זיך ?

וואזשני: צו וואס דארפט איהר דאס וויסען ?

יוד: וואס הייסט, פארוואס ? איך האב דאך דעם געשעפט געגעבען א פאושיטשקע, מעג איך דאך וויסען ווי ס'געשעפט געהט...

---

# דער קונדס

הומאר • סאטירע
צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק •
בייל‍אגע צום „נייעם פאלקסבלאט" נומער 53 — פרייטאג, דעם 2 מערץ 1934

## געוואלד!




דער סעקוועסטראטאר געהט...

